**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט איינפירונג פון פעדעראלע מאסנאמען צו באשיצן ארבעטער וועלכע זענען נישט דאקומענטירט דורכאויס ארבעט אויספארשונגען**

***ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר שטעלט אוועק נייע פראצעדור איינגעפירט דורך דיביידען אדמיניסטראציע צו באשיצן ארבעטער וועלכע זענען נישט דאקומענטירט***

***טוישן שטארקן פרואוון צו האלטן אומארנטליכע ארבעטסגעבער פאראנטווארטליך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבער האט איינגעפירט א נייע פראצעדור צו באשיצן אימיגראנט ארבעטער וועלכע זענען נישט דאקומענטירט פון נקמה און אוועקשיקן דורכאויס ארבעט געשלעגן, פארברייטערנדיג אויף די באשיצונגען איינגעפירט פריער דאס יאר דורך די ביידען אדמיניסטראציע. דורך אפאר אגענטורן ארבעטן צוזאמען מיט די אמעריקאנער דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט, ארבעט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבער (New York State Department of Labor, NYSDOL) יעצט צוזאמען מיט ארבעטערס וועלכע זענען נישט דאקומענטירט און זייער פארטיידיגער צו באקומען צייטווייליגע באשיצונג פון פראקעררירונג און מעגליכע אוועקשיק פון ארבעט, ווי אויך די מעגליכקייט צו ארבעטן לעגאל אין אמעריקא אויב די ארבעטער איז פארמישט אין סטעיט NYSDOL אויספארשונגען. די פראצעדור פון פראקעררירונג געהיימקייט, וועלכע איז פארברייטערט געווארן אונטער די ביידען אדמיניסטראציע צו אריינעמען סטעיט אגענטורן, העלפן פארגרינגערן ארבעטערס וועלכע זענען נישט דאקומענטירט פון זיך צוריקהאלטן פון באריכטן אויף אומארנטליכע ארבעטסגעבערס, וועלכע ווערן אפטמאל געסטראשעט מיט אוועקשיקן אדער אנדערע מיטלען פון נקמה.

"די וויכטיגע פארטנערשיפ מיט די אמעריקאנער דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט וועט נישט בלויז העלפן באשיצן די ארנטליכקייט פון אונזער ארבעט אויספארשונגען, נאר אויך די זיכערהייט פון ניו יארקער ארבעטער וועלכע זענען אין ריזיקע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק איז שטאלץ צו פירן די פאלק מיט ארבעטער באשיצונגען, און מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט די לאקאלע, סטעיט, און פעדעראלע פארטנערס צו פארזיכערן אז אלע ארבעטער געניסן פון זייער רעכט צו גלייכקייט און זיכערהייט אין די ארבעטספלאץ - אפגעזען פון זייער אימיגראציע סטאטוס."

ארבעטערס וועלכע זענען נישט דאקומענטירט פארמישט אין ארבעטספלאץ ארבעט אויספארשונגען דורך די NYSDOL קענען אריינגעבן, אדער בעטן אן אדוואקאט אריינצוגעבן אנשטאט זיי, א דערקלערונג פון אינטערעס פארלאנג צו NYSDOL וואס שטיצט פראקעררירנדע געהיימקייט פון DHS. די ארבעטער באשיצונג איינהייט וועט אפשאצן די פארלאנג און ארויסגעבן א באשלוס ביז 30 טעג. באזונדער, וועט די ארבעטער דארפן אריינגעבן אן אייניגע פיילינג פאר דעפערירטע שריט צו DHS. יעדע אפליקאציע ווערט איבערגעקוקט דורך DHS און, אויב באשטעטיגט, קען דער ארבעטער באקומען דעפערירטע שריט, וועלכע באשיצט זיי פון ווערן אוועקגעשיקט פאר צוויי יאר, אדער לענגער אין פאל פון

ווייטערדיגע אויספארשונגען אדער שפעטעריגע פארגיטיגונג פון ארבעטסגעבער. ניו יארק סטעיט האט געגעבן 32 דערקלערונגען פון אינטערעס זייט די אנהויב פון די פראצעדור, באווירקנדיג מער ווי 100 ארבעטערס.

איינמאל א דערקלערונג פון אינטערעס בריוו ווערט אנגענומען דורך די DHS, ווערן אלע ארבעטערס ביי אן ארבעטספלאץ וועלכע זענען באווירקט דורך די אויספארשונג בארעכטיגט פאר דעפערירטע שריט. פאר מער אינפארמאציע איבער די פראצעדור, באזוכט די פראקערירונג געהיימקייט [וועבזייטל](#).

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** "שרעק פון נקמה איז גאר שרעקעדיג פאר יעדע ארבעטער, אבער עס איז ספעציעל געפערליך פאר אימיגראנטן. ביים דעפארטמענט פון לעיבאר, פארשן מיר אויס אלע קלאגעס, אפגעזען פון אימיגראנט סטאטוס. מיר גלויבן אז אלע ארבעטערס האבן א רעכט אין יעדע ארבעטספלאץ ארום ניו יארק סטעיט. אויב אן ארבעטער איז א באטראפענע פון אדער אן עדות צו ארבעט פארלעצונגען, ביטע באריכט עס פאר אונז. מיר קענען העלפן."

**סענאטער קירסטען גיליגברענד האט געזאגט,** "אימיגראנטן וועלכע זענען נישט דאקומענטירט לייגן צו צו ניו יארק'ס עקאנאמיע און עס קומט זיך פאר זיי צו האבן ארבעטספלאץ באשיצונגען אפגעזען פון זייער אימיגראציע סטאטוס. איך שטיץ גאווערנער האקול'ס פרואוון צו איינפירן באשיצונגען פאר ארבעטערס וועלכע זענען נישט דאקומענטירט און האלטן ארבעטסגעבער פאראנטווארטליך."

**פארשטייער דזשערי נאדלער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע ארבעטערס צו זיין פריי פון ארבעטספלאץ אויסנוץ און נקמה, און איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס אנאנסירונג היינט וואס וועט העלפן באשיצן ניו יארק'ס ארבעטערס וועלכע זענען נישט דאקומענטירט דורכאויס ארבעט אויספארשונגען. די NYSDOL'ס פארטנערשיפ מיט פעדעראלע פארטנערס ביי DHS וועט ארויסברענגען נאך אומארנטליכע ארבעט פראקטיקן פון די טינקל אינעם צייט וואס ארבעטערס קענען זיין פארזיכערט אז זיי וועלכע נישט ליידן פון נקמה פאר ארויפטרעטן מיט ווערטער איבער די אומשטענדן וואס זיי ספראווען זיך מיט."

**פארשטייער פאול טאנקא האט געזאגט,** "אן נויטיגע באשיצונגען אין פלאץ, קענען ארבעטסגעבער וועלכע נוצן אויס ארבעטער אפטמאל אפהאלטן ארבעטערס וועלכע זענען נישט דאקומענטירט פון ארויפטערטן מיט ווערטער קעגן אומלעגאלע אדער געפארפולע ארבעטספלאץ אומשטענדן מיט סטראשעס פון אינפארמירונג, און אויף דעם וועג צודרוקן זיי די רעכטן און באשיצונגען פון אלע ארבעטער. קיין ארבעטער זאל נישט מוזן בלייבן שטיל צוליב שרעק פון נקמה. איך בין דאנקבאר אז די פעדעראלע מאסנאמען וואס איך האב געשטיצט ווערן איינגעפירט צו באשיצן אימיגראנט ארבעטער און צו פארזיכערן בעסערע סטאנדארטן און א זיכערע ארבעט אומגעגנט פאר אלע."

**רישטערד בלום, אדוואקאט פאר די לעגאלע הילף געזעלשאפט האט געזאגט,** "ארויסגעבן די דערקלערונגען פון אינטערעס דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבער איז א וויכטיגע טריט מיט באקעמפן די סטראשעס און אנגייענדע אטמאספערע פון שרעק וואס באגלייט געוועינליך געהאלט רויבעריי און אנדערע אומארנטליכע ארבעט פראקטיקן."

**קאלען לאוועל, גלייכע יוסטיץ ארבעט מיטגליד, ברוקלין פארטיידיגער סערוויסעס האט געזאגט,** "פאר צו לאנג, האבן אומארנטליכע ארבעטסגעבער פארדינט פון אימיגראנט ארבעטער וועלכע האבן מורא פון נקמה דורך זיי צאלן אונטער-מינימום געהאלטן. דורך ארויסגעבן דערקלערונגען פון אינטערעס, האט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבער גענומען א קריטישע טריט צו מאכן אונזערע קליענטן ווייניגער עמפינדליך צו אימיגראציע-באזירטע נקמה פון ארבעטסגעבער."

דאס איז די לעצטע אין א סעריע פון פרואוון דורך גאווערנער האקול צו באשיצן און שטיצן איינוואוינער וועלכע זענען נישט דאקומענטירט ארום ניו יארק סטעיט, און פארמיידן אומארנטליכע ארבעטסגעבער פון איסנוצן אוועקשיק צו פארמיידן סטעיט לעיבער געזעצן. אין מאי, האט די גאווערנער גערופן אויף די פעדעראלע רעגירונג צו פארשנעלערן ארבעט אטאריזאציע פאר אסיילאם זוכער. אין פעברואר, האט גאווערנער האקול אנאנסירט דאס פארברייטערונג פון דער ניו יארק סטעיט פראפעסיאנאלע וועגן פון הויך קוואליפיצירטע אימיגראנטן פראגראם, וועלכע העלפט ארויס נייע אמעריקאנער טרעפן ארבעט וואס פאסט מיט זייער פעאיגקייט און ערפארונג. אין אקטאבער 2021, האט זי אונטערגעשריבן געזעצן וואס באשיצט אימיגראנטן וועלכע זענען נישט דאקומענטירט פון סטראשעס צו באריכטן זייער אימיגראציע סטאטוס.

NYSDOL'ס דיוויזיע פון לעיבאר סטאנדארטן באשיצט אלע ארבעטער, אריינרעכנענדיג די וועלכע זענען נישט דאקומענטירט אדער ווערן באצאלט שווארץ. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די דיוויזיע פון לעיבאר סטאנדארטן וועבזייטל. אויך, פארזיכערט די NYSDOL'ס דיוויזע פון אימיגראנט פאליסיס און עפעירס (Division of Immigrant Policies and Affairs, DIPA) אז די דעפארטמענט'ס סערוויסעס, פראגראמען, און באשיצונגען זענען אוועילעבל פאר אלע ארבעטער, אריינרעכנענדיג מענטשן וועלכע ארבעטן מיט אדער מופן צו ניו יארק פון אן אנדערע לאנד.  פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DIPA וועבבלאט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן